From the New Yiddish Library

# Summoned Home

## *(Ven Yash iz geforn)*

## by Jacob Glatstein

Translated by Maier Deshell / Introduction by Ruth Wisse

IN THE MORNING, when the ship's newspaper informed us that Hitler had done away with his closest associates, in the so-called Night of Long Knives – apparently taking to heart Mussolini's advice never to share your rule with the fellow revolutionaries who aided your rise to power (by the same token, rather than pay back a debt owed to good friends, it might be easier to slaughter them) – I went looking for Jewish faces among the passengers.

The paper, attractively laid out, a miniature version of its counterparts on land, conveyed the news simply, without commentary, as if this were no more than a sensational tidbit, the severed heads of a dozen or so Nazi pederasts served up on a silver platter for the delectation of the passengers after their rich breakfast – yet another item on the ship's program to stave off boredom. It was a waste of effort. The Gentile passengers seemed to be getting no thrill whatsoever from the news. They thumbed through the scant pages, reading the jokes, the sports items, the announcements of afternoon activities, barely pausing over Hitler's bloody purge. When I tried to elicit some reaction from them about the particular report that had reached us at sea from dry land, their responses were unremarkable. Many admitted that they hadn't seen the news at all, and those who had, offered up such remarks as: "Hitler's a damn fool!" "Let them knock each other's brains out!" "Hmm … this is just the beginning!" My Scandinavian friend gave me a sharp lecture on Marxism, exclaiming, "By God, the Danes hate the Germans! It's high time Roosevelt said something about this."

None of these responses cheered me, lacking as they were in Jewish understanding and feeling. It struck me that to the Gentiles Hitler meant something altogether different than he did to me. To my non-Jewish fellow passengers, whether this fact evoked anger in them or not, Hitler was regarded as nothing but Germany's dictator. To me, however, as to the 600,000 German Jews, and indeed to all seventeen million Jews worldwide, Hitler was viewed as the embodiment of our historic fear of hatemongers, the latest in a long line of persecutors that stretched from Haman, Torquemada, and Chmielnicki, to Krushevan and Joseph Haller, a beast with a murderous paw, wielding a bloody pen that was writing a woeful new chapter of Jewish history.

The casual reaction of my Gentile fellow passengers to the Hitler-news was the first slap in the face I had received as a Jew on this floating international paradise. I felt isolated, even offended, by the fact that what for me was such prime news, fell on such indifferent ears. I longed for a "warm Jewish heart" to share my emotion. The boxer had complained about the "bastards" trying to pass for Gentiles, but, perhaps under the impact of the Hitler-news, I began to discern a few Jewish faces. It could be that they were coming out of hiding and also looking for company.

My first such discovery was a dignified gentleman wearing house slippers, a prosperous-looking man with a trimmed beard, sitting on a bench, poring over a sacred text, soundlessly mouthing the words. He was fine-looking, neat in appearance, altogether an exemplar of Jewish aristocratic bearing. His beautiful, delicate hands hesitated before turning the page, as though it would be a pity to proceed while the page he had just studied was still so full of immeasurable wisdom. He had sought out the quietest corner of the deck, apparently unwilling to let even his whispers reach the ears of an alien, hostile world, not, God forbid, because he feared that world, but because of its undying hatred of Jews. "The whole world is our enemy," he declared, when I buttonholed him for his reaction to the Hitler-news. The Nazi bloodbath was no concern of his. He explained, with fine Jewish humor, that such events were family squabbles, like those at a wedding, but one to which we Jews were not a party, on neither the groom's side nor the bride's. The moral

# יעקבֿ גלאַטשטיין — ווען יאַש איז געפֿאָרן

ווען דאָס ים־צײַטונגל האָט אונדז אין דער פֿרי אונטערגעטראָגן די נײַעס, אַז היטלער האָט אויסגעשאָכטן זײַנע נאָענטע פֿרײַנד, נעמענדיק פֿאַר גוט געלט מוסאָליניס ראַדיקאַלע עצה, אַז מיט די זעלביקע מענטשן מיט וועלכע מען מאַכט די רעוואָלוציע, טאָר מען נישט פֿירן די מלוכה (אַפּנים, איידער אויסצוצאָלן די חובֿות, וואָס מען איז שולדיק אַזעלכע פֿרײַנד איז שוין לײַכטער זיי אויסצוקוילען), האָב איך מיט אַ מאָל אָנגעהויבן צו זוכן ייִדישע אויגן און ייִדישע אויערן.

דאָס ים־צײַטונגל, אַ מיניאַטורס און אַן אויסגעפּוצטס, האָט די נײַעס וועגן היטלערן דערלאַנגט עלעגאַנט, שטיל און אָן קאָמענטאַרן, ווי עס וואָלט געווען נישט מער ווי אַ „טהריל"[1] (אינערלעכער ציטער) פֿאַר די הונדערטער פּאַסאַזשירן. נאָכן רײַכן און פֿאַרשידנאויסוואַליקן פֿרישטיק, סערווירט מען אויף אַ זילבערנער טאַץ די קעפּ פֿון אַ טוץ היטלערס פּעדעראַסטן — אַ טייל פֿון דער שיינער פּראָגראַם אויף דער שיף כּדי די רײַזע זאָל זיך נישט צועסן.

אָבער ס'איז געווען אַרויסגעוואָרפֿן די אַרבעט. דער „טהריל", וואָס די קריסטלעכע פּאַסאַזשירן האָבן געקראָגן פֿון דער נײַעס איז געווען נול — אַבסאָלוט גאָרנישט מיט גאָרנישט. זיי האָבן געבלעטערט דאָס צײַטונגל, געלייענט די וויצן, געלייענט ספּאָרט, געלייענט די פּראָגראַם פֿאַר דער נאָכמיטאָג־אונטערהאַלטונג און זיך קנאַפּ אָפּגעשטעלט אויף היטלערס „בלוט־רייניקונג".

און אַז איך האָב פּרובירט אַרויסצוקריגן אַ באַמערקונג פֿון אַ קריסטלעכן פּאַסאַזשיר וועגן די דאָזיקע וועלט־נײַעס, וואָס איז געקומען פֿון דער יבשה, איז די באַמערקונג געווען אַ פֿלעגמאַטישע. אַ סך פּאַסאַזשירן האָבן צוגעגעבן אַז זיי האָבן די נײַעס נישט געזען און ווען זיי זענען עס שוין יאָ דורכגעלאָפֿן מיט די אויגן איז די באַמערקונג געוויינלעך געווען —

„היטלער איז אַ פֿאַרדאַמטער נאַר!" אָדער „הם... זאָלן זיי זיך פֿאַרדרייען זייערע קעפּ" אָדער „דאָס איז בלויז אַן אָנהייב!" אָדער נאָך אַזעלכע אומעמאָציאָנעלע ענטפֿערס. דער סקאַנדינאַווישער פֿרײַנד מײַנער האָט מיר געגעבן אַ שאַרפֿע מאַרקסיסטישע דרשה און געשריגן, אַז — בײַ גאָט! די דענער האָבן פֿײַנט דײַטשן און ס'איז שוין צײַט רוזוועלט זאָל זאָגן אַ וואָרט.

אָט די אַלע ענטפֿערס האָבן אָבער נישט געהאַט קיין ייִדישן טעם און האָבן מיך נישט באַפֿרידיקט. איך האָב ענדלעך אײַנגעזען, אַז היטלער פֿאַר מיר מיינט גאָר עפּעס אַנדערש ווי היטלער פֿאַר זיי. היטלער איז פֿאַר זיי (מיט אָדער אָן כּעס) דער דיקטאַטאָר פֿון דײַטשלאַנד, און פֿאַר מיר מיינט היטלער — 600 טויזנט דײַטש־ייִדישע ברידער — מײַנע 17 מיליאָן ברידער און אונדזער באַרעכטיקטע מורא פֿאַר פֿאַשיזם; היטלער — המן — טאָרקוועמאַדע — כמעלניצקי — קרושעוואַן — יאָזעף האַלער — הכּלל היטלער איז אַ לאַפּע, וואָס שרײַבט מיט גוואַלד קאַפּיטלעך ייִדישע געשיכטע און דערפֿאַר מוז ער מיך בלוטיק אָנגיין.

אין דעם דאָזיקן אינטערנאַציאָנאַלן גן־עדן אויף דער שיף איז די היטלער־נײַעס געווען דאָס ערשטע וואָס האָט מיר דערלאַנגט דעם פּאַטש איבער מײַן ייִדישקייט.

איך האָב זיך דערפֿילט איינזאַם. איך האָב זיך געפֿילט באַליידיקט פֿאַר די ערשטקלאַסיקע נײַעס, וואָס גייט אין ניוועץ און וואָס ווערט אויפֿגענומען אַזוי קאַלט און גלײַכגילטיק. איך האָב געזוכט אַ „וואַרעם ייִדיש האַרץ" וואָס זאָל מיר העלפֿן לאַכן, וויינען, אָבער אַלץ מיט דעם ייִדישן טראָפּ.

און כאָטש דער באָקסער האָט זיך באַקלאָגט אויף די ייִדישע בעסטעדס, וואָס באַהאַלטן זייער ייִדישקייט, האָב איך, אפֿשר אונטער דעם דרוק פֿון די היטלער־נײַעס, אָנגעהויבן זען עטלעכע ייִדן. עס קאָן זײַן, אַז זיי האָבן צוליב דער זעלביקער סיבה גענומען אַרויסקריכן פֿון באַהעלטענישן און זוכן קאָמפּאַניע.

קודם, דער ייִד אין די שטעקשיך, מיט דעם געשוירענעם בערדל. אַ באַלעבאַטישער ייִד, וואָס איז געזעסן אויף אַ באַנק און אַרײַנגעקוקט אין אַ ספֿר. זײַן קול האָט זיך נישט געהערט, אָבער דאָס מויל האָט געקײַט די הייליקע ווערטער. אַ שיינער ייִד, ציכטיק, אָפּגעפּוצט און ייִדיש־אַריסטאָקראַטיש. שיינע אויסגעאיידלטע הענט, וואָס האָבן געמישט יעדעס בלעטל מיט איבערגעטראַכטער צוריקגעהאַלטנקייט, ווי עס וואָלט אים אַ שאָד געווען איבערצומישן און גיין ווײַטער, ווען דאָס אָפּגעלערנטע בלעטל איז נאָך אַזוי פֿול מיט חכמה אַז עס איז אין־לשער.

ער זוכט אויס דאָס ווײַטסטע ווינקעלע. ער וויל קענטיק נישט, אַז אַפֿילו זײַנע רוישלאָזע לאַטשן זאָלן זיך דערטראָגן צו די אויערן פֿון אַ פֿײַנטלעכער און פֿרעמדער וועלט און נישט חלילה אויס מורא, נאָר דערפֿאַר ווײַל אַלע האָבן אונדז פֿײַנט.

אַזוי דערקלערט ער מיר, ווען איך פֿאַרטשעפּע אים וועגן די נײַעס. אים גייט נישט אָן די שחיטה. מיט גוטן ייִדישלעכן הומאָר פֿאַרטײַטשט ער מיר, אַז דאָס איז אַ פֿאַמיליען־אָנגעלעגנהייט און אַ היימישע חתונה. מיר זענען דאָ אין גאַנצן נישט קיין מחותנים, דער מוסר־השׂכּל פֿון דער געשיכטע איז אַז אַלע האָבן אונדז פֿײַנט.

ווי אַזוי די דאָזיקע מאָראַל קומט ווי אַ לאָגישער אויספֿיר פֿון די לעצטע נאַצי־געשעענישן, איז אַפֿילו שווער צו זען, אָבער ער פֿאַרזיכערט מיך, אַז מען קאָן אַלע שׂונאי־ישׂראל מבֿטל זײַן, ווען מען קוקט אַרײַן אין אַ הייליקן ספֿר.

---

[1]טהריל = אינערלעכער ציטער

of the Hitler purge was that they all hated us. How this followed from the massacre of Nazi slaying Nazi he didn't say, but he assured me that all the enemies of Israel could be made to disappear by studying a sacred Jewish text.

The man looked to be about seventy, on the border of the allotted span of years. He radiated a serenity that could not be bought for all of a king's treasure. He seemed to be in no hurry, not even to gain his share in the world-to-come. The rabbinic dictum, "The day is short and the task great," didn't seem to concern him. He went about his leisurely way, studying the sacred texts for the sheer intellectual pleasure this gave him, engaging in the holy activity for its own sake. The reward of the world-to-come was secondary in his mind, and besides, the world-to-come was still far off. It was refreshing to find an American Jew who fit Lao Tse's aphoristic descriptions of wisdom, in sharp contrast to the more general type of American Jew, one who didn't question the average life span cited in actuarial tables positing that one would drop dead like an exhausted horse in one's fifties, and who consequently believed that it was necessary to speed things up, to discharge one's responsibilities with dispatch, to gulp down the bit of pleasure that life affords. Such a person also believed that one shouldn't get excessively wrapped up in one's own children. What was the point of forming close relationships with them, if real parental duration didn't exceed their first – fleeting – twenty years?

This slipper-clad Jew emitted the same aura of Sabbath calm that hung over our house like a secret, when Mother and Father would shut their bedroom door for a nap following the Sabbath-afternoon meal, a stillness that would prevail until darkness fell and it came time for Father to take down the iron bolts and bars from his shop. The smell of the rusted metal, the clanking of the frozen keys, and the appearance of the first customer of the new week – these were the signals that the God of Abraham had relit all the lamps, marking the end of the holy Sabbath and the start of another week of care. All of a sudden, the gentle Jew studying his holy texts on the ship's deck, appeared to me as a bridge, linking my first seventeen-eighteen years at home with the present journey back – a voyage of return, to see my dying mother. "Her ears are as yellow as wax," my aunt had written. "Pack your things and come immediately, and may God help us all and bring you here in time to find her still alive."

The ship seemed to be carrying me back to my childhood, as though it were sailing backward in time. The two decades I

**IN JUNE 1934,** twenty years after he had arrived solo in New York City, Jacob Glatstein was summoned back by the family to the bedside of his dying mother in Lublin. Had he not been called for, it is unlikely that he would ever have returned to his birthplace. Glatstein at thirty-seven was then in the "middle of life's journey" – precisely in the middle as it later turned out – married and the father of three children, employed in the editorial and news departments of the Yiddish daily *Morgn Zshurnal (Jewish Daily News)*, and hotly involved in Yiddish literary initiatives. First and foremost a poet, a Yiddish modernist with a growing reputation, he was at work on his fourth book of verse. Even less conducive than his personal circumstances to a transatlantic crossing was the turbulent international climate. With Hitler newly installed as chancellor of Germany and anti-Semitism on the rise in Poland, Jews were frantically trying to get out of Europe rather than the other way around.



Jacob Glatstein

The voyage turned Glatstein prophetic. Initially buoyed by his release from daily routine, he became increasingly aware at every stage of the trip of the political drift of Europe toward Fascism, Communism, and anti-Semitism. By the time he returned to the United States he had assumed responsibility for the Jews trapped on the Continent. For the next four years he sounded the alarm in a weekly newspaper column that warned alike against Hitler and Stalin and against the political apathy of Western democracies that allowed murderous regimes to prevail. "Who is crazier," he asked (August 9, 1935), "the maniac Hitler driving the 600,000 Jews of Germany to their death at 90 miles an hour, or the impassive bystanders watching it happen?" With the nations engaged in constant swordplay over Jewish heads, "the Yiddish writer feels like a strategist maneuvering invisible armies in legendary lands. No one has chosen him, but he speaks into the wasteland where he hears only the echo of his own voice."

The most obvious literary outcome of the trip was the work before us – the personal account of a Yiddish poet who travels back to his native Poland. The first installments of *Ven Yash iz geforn* (published in English as *Homeward Bound* in 1969) began appearing in the little magazine *Inzikh (In the*

דער ייִד האָט אויסגעזען צו זײַן אַ זיבעציקער, אויף דער גרענעץ פֿון די געשענקטע יאָרן, און פֿון אים האָט געשלאָגן מיט אַ רו, וואָס מען קען עס נישט קויפֿן מיט דעם קייסערס גיטער. נישט געווען אין אים קיין שפּור פֿון דעם געיעג אַרײַנצוכאַפּן וואָס שנעלער אַפֿילו אַ ביסל עולם־הבא אַז „דער טאָג איז קורץ און די אַרבעט איז פֿיל” איז אים נישט אָנגעגאַנגען. ער האָט געלערנט צוליבן פֿאַרגעניגן און הנאה פֿון אַ טיפֿן רעיון, ווײַל עולם־הבא איז אַ בײַזאַך, ווײַל ביז עולם־הבא איז נאָך אַ ווײַטער מהלך.

עס איז געווען אַ מחיה צו באַגעגענען אַ ייִד מיט דעם געמיט פֿון לאַאָ טזעס אַפֿאָריזמישער חכמה — אַ שטאַרקער קאָנטראַסט צום געוויינלעכן אַמעריקאַנער ייִדן, וואָס האָט מקבל געווען אויף זיך דעם דורכשניט־טרויִזם פֿון אַסעקוראַציע־טאַבעלן. אַז צו עטלעכע און פֿופֿציק יאָר פֿאַלט מען ווי אַ פֿערד. דערפֿאַר דאַרף מען וואָס גיכער אַוועקפּרעפּלען דאָס לעבן. שנעלער אָפּזיפּן די פֿליכטן, אַרײַנזיפּן דאָס ביסל גרויע פֿאַרגעניגן. דערפֿאַר דאַרף מען זיך אַפֿילו צו אייגענע קינדער באַציִען אָן צוגעוואָרצלטקייט און מיט אַ כאַפּ־לאַפּ, ווײַל צו וואָס מאַכן נאָענטע באַקאַנטשאַפֿט? ווי לאַנג איז מען מישטיינס געזאָגט אַ טאַטע — בלויז וואָסערע צוואַנציק יאָר.

ס'האָט געשלאָגן פֿון אים מיט דער שבתדיקער מנוחה, וואָס האָט געהאָנגען ווי אַ סוד בײַ אונדז אין הויז, ווען טאַטע־מאַמע האָבן פֿאַרמאַכט די טיר און זענען זיך געגאַנגען צולייגן אַ ביסל נאָכן טשאָלנט; אַ רו וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן, ערשט ווען דער טאַטע האָט אַרונטערגענומען די שטאַבעס און אײַזערנע פּרענטעס פֿון געשעפֿט. דער גערוך פֿון אײַזן־זשאַווער, דער געפֿרוירענער געקלימפּער פֿון קאַלטע שליסלען און דער ערשטער קונה אויף דער פֿולער־וואָך, זענען געווען די סיגנאַלן, אַז גאָט פֿון אַבֿרהם האָט אָנגעצונדן אַלע בליצלאָמפּן און ס'איז אַוועק שבת־קודש און געקומען די וואָך מיט זאָרגן.

און ס'האָט דער ייִד אין די לאַטשן פּלוצים פֿאַרקניפּט מײַנע ערשטע זיבעצן־אַכצן יאָר אין דער היים מיט מײַן איצטיקער רײַזע צוריק אַהיים צו זען דער מאַמען. אירע אויערן זענען געל ווי וואַקס, שרײַבט מיר מײַן מומע, זאָלסט תּיכּף אַלץ אײַנפּאַקן און פֿאָרן און השם־יתברך זאָל העלפֿן דו זאָלסט זי נאָך טרעפֿן.

פֿאָרט איצטער די שיף צוריק צו מײַנע יונגע יאָרן, ווי זי וואָלט געשווימען צוריקצוּוועגס. די צוויי צענדליק יאָר אין אַמעריקע זענען פּלוצעם צעריבן געוואָרן אונטער די הענט. דער עיקר זענען עס איצט די ערשטע יאָרן וואָס זוכן זיך אָנצוקניפּן אין אַלץ וואָס איז מיר ווידער באַשערט אין דער היים, ווי צוויי אויסגעהוילטע העלפֿטן פֿון אַ שפּילצײַג וואָס ווילן ווערן גאַנץ.

אַ מבול פֿון אויטאָביאָגראַפֿישע ברעקלעך האָט גענומען פֿאַלן אויף מיר פֿון אַלע זײַטן. כ'האָב שטאַרק געקעמפֿט קעגן דעם נסיון, אַז כ'זאָל שוין איצט, און נישט מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר שפּעטער, נעמען אונטער דעם לאַנצעט מײַנע ערשטע יאָרן. וואָס וועל איך טון צו זעכציק, ווען די ליטעראַטור, אונטער דעם דרוק פֿון עקאָנאָמישן „דרײַסיק יעריקן קריג”, וועט מסתּמא אין גאַנצן האָבן אָנגעוואָרן האַפֿט, און ס'וועט בלויז בלײַבן דער נײַגיר פֿון אַלטע רכילותניצעס אַרײַנצוקוקן איינער צום אַנדערן אין „ספֿר החיים”? אָבער כ'האָב אָנגעהויבן רעסטאַווירירן זיך, ווי כ'האָב עס קיין מאָל נישט געטון אין די צוואַנציק יאָר, וואָס כ'בין געווען אַוועק פֿון דער היים.

נישט קיין פּיפּערנאָטערס און נישט קיין עקדישן, נישט קיין בופֿלאָקסן און נישט קיין ווייזלטירס, נישט קיין לייבן און נישט קיין לעמפּערטן, אַפֿילו נישט קיין ווידערס און קיין הירשן — ווער קען פֿאַרשטיין דעם צער פֿון אַ קינד וואָס די אַלע חיות זענען נישט אַרומגעלאָפֿן אין לובלין! ערגעץ ווּ זענען ווײַטע לענדער געבענטשט מיט אַל דאָס גוטס, אָבער לובלין פֿאַרמאָגט נישט קיין טשיקאַוועקייטן — אַחוץ אַ שטאָטזייגער און אַ פֿײַערלעשער וואָס טראָמפּייטערט אויס בײַ נאַכט די פֿערטל שעהן, האַלבע שעהן און גאַנצע שעהן ביז חצות, ווען אַלץ שלאָפֿט אַחוץ די רירעוודיקע מתים אַרום דער שול.

אויף די קליינע מאַפּעס איז מײַן לובלין אַפֿילו נישט געווען אָנגעצייכנט, בלויז אויף גרעסערע לאַנדקאַרטעס האָב איך געזען אַ דין־דין שטריכל מיט קוים באַמערקלעכע אותיות — ליובלין, און אויף גאָר־גאָר גרויסע מאַפּעס האָט מען אַפֿילו געקענט זען די ביסטריצאַ, דאָס איז אונדזער ביסטשיצע, דאָס טײַכל וואָס קערט זיך אָן אַ שטיקל שני־בשלישי מיט דער ווײַסל פֿון מײַן שטאָלצער און גרויסשטעטישער וואַרשעווער משפּחה.

העט פֿאַרן עמבריאָ — אַן עלטערזיידע פֿון טאַטנס צד מיט דעם דײַטשמערישן נאָמען ענזל און אַ זיידע יאָסל ענזלס. (כ'האָב זיי ביידן נישט געקענט). ענזל איז פֿאַר מיר געווען נישט מער ווי אַ נאָמען, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ צונאָמען. די פֿאַמיליע־אַרכיוון, דאָס הייסט די עלטערע פֿעטערס און מומעס, האָבן אים געהאַט פֿאַרצייכנט פֿאַר אַ ייִד, וואָס האָט פֿאַרדינט זײַן וואַסער אויף קאַשע פֿון שמשות. אַ שטילער ייִד, וואָס האָט נישט אויסגערעדט קיין הויך וואָרט און וואָס האָט מיט זײַן גאַנצער הנהגה אַרויסגערופֿן דעם פֿאַרדאַכט, אַז ער איז אפֿשר גאָר אַ למד־וואָווניק. דער זיידע יאָסל ענזלס איז שוין מער פֿלייש און בלוט, אַ ווייכהאַרציקער עקספּלאָטאַטאָר וואָס האָט געהאַט אַ וואַרשטאַט, ווּ מ'האָט גענייט וויפּראַוועס פֿאַר פּריצישע קינדער, פֿאַר דעם גובערנאַטאָרס טעכטער און גלאַט פֿאַר גרויסע נגידותטעס. פֿאַר אים האָבן געאַרבעט אַ דרײַסיק מיידן, וואָס האָבן געגעסן און זענען געשלאָפֿן אויף טאַפּטשאַנעס, אין דעם זיידנס קאַמעניצע. דאָרט האָבן זיי געטרילערט זייערע ליבעלידער, דאָרט האָבן זיי געקראָגן נדן און פֿון דאָרט האָבן זיי חתונה געהאַט.

מײַן זיידע אַליין איז קיין גרויסער למדן נישט געווען, אָבער ער האָט פֿרום אָפּגעהיט יעדן טאָג דעם חוק־לישׂראל און

had passed in America crumbled to dust between my fingers. Suddenly, all that mattered were the first years of my life, now straining to relink themselves with the home that was awaiting me, like the two parts of a toy that need to be joined. I was awash in a flood of memories. Hitherto, I had strongly resisted the temptation to submit my early years to the scalpel. I thought I should wait twenty years and postpone any autobiographical exercise until I was sixty, by which time the fortunes of Yiddish letters would probably sink so low as to preclude any great interest in serious literature and all that remained for a writer to do was to become a purveyor of old gossip, satisfying the curiosity people have about other people's lives. Nevertheless, I now made some concession to the evil impulse and began to root around in my memories in a way that I hadn't done in all the time since I'd left home.

Imagine a place with no dragons, no scorpions, no buffalo or bison, no lions or leopards, not even a ram or a deer. Who can fathom the misery of a child in a town devoid of such fauna? Elsewhere in the wide world there must be many blessings of this kind, but not in Lublin, which contains nothing but a town clock and a fire warden who, every fifteen minutes, sounds the hours until midnight, when all are asleep except for the shadows moving across the synagogue. My Lublin didn't even appear on small maps, and on the larger ones, only as a faint marking, barely legible. On really big maps, however, not only did Lublin finally show up but so did a tiny squiggle indicating the Bystrzyc rivulet (known to us by its Yiddish equivalent, Bitshitse), a minor tributary of the Vistula River that flowed through Warsaw, home of the big-city branch of our family.

Long before I was conceived, there was a paternal great-grandfather with the German-sounding name of Enzl, and a grandfather called Yosl Enzl's, neither of whom I knew. Enzl was just a name to me, and it sounded more like a nickname. The family archivists, that is to say, my older uncles and aunts, described him as a soft-spoken, sweet-tempered man who earned his meager living as a sexton and who had a reputation as being one of the thirty-six secret saints by whose grace the world is sustained. Grandfather Yosl Enzl's was a more fleshed-out figure in my consciousness. He ran a workshop that sewed ladies' garments for well-to-do customers – the high-born daughters of the gentry and of the governor, as well as wealthy women in general. A soft-hearted exploiter of the working class, he employed thirty or so girls, who ate and slept on tables in the shop, where they also warbled their

*Self)* in 1935 and the book was published three years later. Book Two *(Ven yash iz gekumen,* published in English as *Homecoming at Twilight* in 1962) appeared in 1940. The narrator Yash, nickname for Jacob, is the central figure and consciousness of the two books. Whatever he tells about himself corresponds to what we know of the author; in fact, we learn more about Jacob Glatstein from these novels than from any other autobiographical source.

In boarding the ship, Yash hopes to leave his everyday life behind. "Maybe here I might succeed in ridding myself of the miasmas that had accrued to my being as a social animal, as a writer-for-hire, as Jew in a bloody world that – *pace* Shakespeare – demands only my pound of flesh." He is delighted by how easily English trips from his tongue and listens so intelligently to his fellow passengers that by the end of the voyage one of them compliments him on his "golden ears." He seems the perfect cosmopolitan. Yet these encounters also set off patches of memory, setting up a counterpoint between the journeys through space and time, between travelogue and autobiography. In this excerpt a Jew in slippers reminds Yash of childhood Sabbaths when he was initiated into the mysteries of life.

The third rail of the book is history itself. On the second day at sea, the ship's bulletin carries the news that Hitler conducted a massive purge of the Nazi stormtroopers (SA, or *Sturmabteilung)* and their leader Ernst Rohm. This would make it June 30, 1934. The news suddenly sets Yash apart from the other Americans and Europeans he has been hob-nobbing with and sends him in search of fellow Jews who will understand the menace to their tribe. Yash's outbound voyage leads him inward, to the self that originated in Lublin. The American passport does not displace the imprint of a Jewish childhood in Poland.

Jacob Glatstein never completed the third book of what was to have been a trilogy. The destruction of European Jewry and the entire world of his youth changed the scheme of his project beyond recovery. The two books he completed will be published as *Summoned Home: Two Novels* by Yale University Press in the New Yiddish Library series. The translation here is by Maier Deshell.

—Ruth Wisse

*Ruth Wisse is the Martin Peretz Professor of Yiddish Literature and Professor of Comparative Literature at Harvard University.*

דאָס דאַווענען בציבור. בעת די פּאַטעטאָנען זענען געשטאַנען אַרום הויז און געוואַרט אַז יאָסל ענזלס זאָל קומען און מיט זײַנע אייגענע הענט מעסטן דאָס חתונה־קלייד, האָט ער געשמאַק געדאַוונט און געוווּסט אַז מ׳עט וואַרטן. און געווען איז ער, דערציילן מבֿינים, סך־הכּל אַ קאַליקע אַ שנײַדער, אָבער ער האָט געהאַט פּערזענלעכן חן און מזל צו מענטשן. זיבן זין ווי די סאָסנעס האָט יאָסל ענזלס איבערגעלאָזט און אַ גרויס אָרעמקייט פֿאַר אַ ירושה פֿון אַלע זײַנע גליקן. ווען ער איז געשטאָרבן פֿון אַ בלוט־שטורץ איז געבליבן אַן אַלטע קאַמעניצע, אָבער גיי גריזשע שטיינער, ווען מען איז הונגעריק און די געדערעם מאַכן אַ טומל.

געשטאָרבן איז יאָסל ענזלס פֿון עגמת־נפֿש, וואָס מײַן טאַטע, זײַן זעקסטער זון, איז אַוועק דינען פֿאָניען.

פֿון דער מאַמעס צד — קליינשטעטלדיקע פּוילישע רבילעך און אַן עלטערבאָבע דרעזל, וואָס איז געבליבן אַ יונגע אלמנה. ווען איר מאַן איז געשטאָרבן איז די באָבע דרעזל געווען פֿאַרגאַנגען אין שוואַנגערשאַפֿט אַ זעקס וואָכן. און ווײַל דאָס האָט געקענט פֿירן צו מיאוסע רכילות האָט זי פֿאַרכאַפּט דעם וועג אַלע אומריינע מײַלער און זי האָט אויסגערופֿן אויפֿן בית־עולם פֿאַר קבֿורה, אַז זי שוואַנגערט און אַז מען זאָל חס־ושלום נישט מוציא־שם־רע זײַן אויף איר. אַזוי האָט די באָבע דרעזל נישט געוואָלט ריזיקירן מיט מאַלע וואָס מענטשן קענען זאָגן. און טאָמער איז דאָס ווייניק, האָט זי זיך טאָפּלט פֿאַרזיכערט און אַ נאָמען געגעבן די טאָכטער בינע, נאָך איר מאַן בנימין.

אַזוי ווי איר מאַן איז געווען אַ קדוש־וטהור, האָט די עלטערבאָבע געקראָגן אַ וויכטיקע קהלשע קאָנצעסיע — זי איז געוואָרן די טיקערין, די עלטערבאָבע האָב איך געקענט און איך געדענק זי זייער אַקוראַט בײַם אויספֿירן פּינקטלעך און שטרענג אירע פֿליכטן. ווײַזט אויס, אַז די מאַמע האָט מיך נאָך דעמאָלט געהאַלטן פֿאַר אַ קנאַפּן מאַנספּאַרשוין ווען זי האָט מיך מיטגענומען אין מיקווה. מיך האָט מען אַוועקגעזעצט אויף אַ נאַסער באַנק, בעת די ווײַבער און ייִדענעס האָבן זיך גוט־ייִדישלעך געפּלעסקעט אין וואַסער לויט אַלע דינים, אונטער דער שטרענגער און קאָמפּעטענטער אויפֿזיכט פֿון מײַן עלטערבאָבען.

און אַז די עלטערבאָבע האָט זיך געקענט אָפּרײַסן פֿון דער אַרבעט, האָט זי מיר אונטערגערוקט אַ דרײַער און מיר אָנגעווּנטשן אַז מײַן כּשר הערצעלע זאָל זײַן אָפֿן פֿאַר תּורה, ווי גאָטס היכל.

איר זון איז נעבעך געבליבן אַ וויסטער יתום צו זיבעציק יאָר, ווען די מאַמע איז אים אַוועקגעשטאָרבן צו הונדערט. דער זיידע אבֿרהם איז געווען אַן אלמן און זײַט איך געדענק אים האָט ער געווינט מיט אונדז. דער זיידע איז געווען אַ זײַל פֿון הויזגעזינד ווי דער טאַטע, די מאַמע און די ברידער.

דער זיידע אבֿרהם האָט געהאַט אַ ווײַסע באָרד, וואָס איז אַ ביסל איבערגעפֿירט געוואָרן און איז געוואָרן גרינלעך פֿון שמעקטאַבאַק. ער האָט פֿאַרמאָגט אַ סך טאַבאַק־שקעטעלעך, אָבער אַלע זענען געווען פּראָלעטאַרישע — ביינערנע, הילצערנע, און קיין איין זילבערן שקעטעלע. אָפּגערעדט פֿון אַ גילדנס.

דעם זיידנס טואַלעט האָט געדויערט אַ סך לענגער ווי פֿון אַ פּרימאַדאָנע. איידער ער האָט געמאַכט זײַן אויפֿטריט אין גאַס האָט ער זיך געפּוצט די שטיוועלעך, געקעמט די באָרד און זיך געשפּיגלט. ווען ער איז שוין געשטאַנען בײַ דער טיר, פֿלעגט ער מיך צורופֿן פֿאַר דער לעצטער, שטרענגער אינספּעקציע, אויב ס׳פֿאַרוואַלגערט זיך חלילה נישט קיין פֿעדערל אויף אים. אַלע פֿרײַטיק איז ער געגאַנגען אין מרחץ און ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער נאָך געהאַט צײַט פֿאַר אַ דרעמל, איידער ער איז געגאַנגען אין רבינס בית־מדרש מקבל־שבת זײַן. און בײַ אונדז אין הויז האָט זיך געפֿירט, אַז קיינער האָט זיך נישט צוגערירט צום קוילעטש, ביז דער זיידע האָט נישט קידוש געמאַכט.

געווען איז ער אַ גאָלדשמיד און ער האָט געהאַט מאָדנע מכשירים און דער מאָדנעסטער פֿון אַלע איז געווען אַ פֿײַער־בלאָזער צו שמעלצן גאָלד, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַ קאָפּעטש איבערן גאַנצן הויז. ער האָט געריייניקט פֿינגערלעך, אוירינגלעך און ציטערשפּילקעס. אָבער דאָס איז געווען אַלץ אומזיסט, פֿאַר דער גאַנצער משפּחה, אַחוץ פֿאַר דער מאַמען, וואָס האָט זיך באַדאַרפֿט קריגן מיט אים שיינע עטלעכע וואָכן, ביז ער האָט זיך צוגערירט צו איר גאָלדוואַרג.

ער פֿלעגט זיך אַ מאָל אַרויסלאָזן מיט זײַן פּעקל געצײַג איבער די קליינע שטעטלעך און איז אַלע מאָל צוריקגעקומען מיט אַ פֿײַנעם דעפֿיציט, וואָס ער האָט געמוזט דעקן מיט עטלעכע היפּשע טרינק בראָנפֿן און אַ געשמאַקן מאָלצײַט.

דער זיידע פֿלעגט נאָך אַזאַ דערלובאַכץ ווערן רויט ווי צוויק און די בלויע זאָרגלאָזע און קינדישע אויגן האָבן זיך אים גענומען קלעפּן. באַלד האָט מען אים שוין געזען ליגן אויסגעצויגן אויף זײַן בעט און מען האָט אים געהערט אַרײַנשנאָרכן אין דער אונטערשטער ליפּ און אין דער באָרד אַרײַן, וואָס האָט זיך געהויבן רעגלמעסיק אַראָפּ און אַרויף ווי אַ האַרץ.

מיר, די קינדער אין הויז, האָבן געמוזט גיין אויף די שפּיץ פֿינגער, ווײַל די מאַמע האָט מיט אַ האַלבן שטאָך און האַלבן באַפֿעל אָנגעשריגן, אַז דער זיידע, דער גרויסער פֿאַרדינער, איז צוריקגעקומען פֿון מרחקים און ער כאַפּט אַ דרעמל.

די שיף האָט זיך קוים־קוים געהוידעט. דער ייִד אין די לאַטשן האָט פֿאַרמאַכט די אויגן און געכאַפּט אַ דזשים. די לופֿט איז געוואָרן אַ ביסל שאַרפֿער און פֿון ים איז געקומען דער ווונדערלעכער קילער אַראָמאַט פֿון וואַסער, וואָס איז שעהן לאַנג אָנגעוואַרעמט געוואָרן פֿון דער זון. ♦

love songs and collected their dowries, courtesy of the employer, when they left to get married.

This grandfather was no great scholar, but he scrupulously observed all the laws of Israel and attended daily prayer services. He prayed with even greater fervor when he knew that there were carriages pulled up outside the shop with customers waiting for him to return and personally fit them for a wedding dress – and wait they would, he was sure. Those who knew about such matters claimed that he wasn't much of a craftsman, just an ordinary tailor, who got by on personal charm and his winning ways with people. He left behind seven sons, as sturdy as oaks, and for all his apparent success, left no inheritance, unless you count poverty a bequest. When he died of a stroke – brought on by the grief of seeing my father, his sixth son, go off to serve in the tsar's army – all that remained was an empty, decrepit workshop.

The ship seemed to be carrying me back to my childhood, as though it were sailing backward in time. The two decades I had passed in America crumbled to dust between my fingers.

My mother's side boasted a line of small-town Polish rabbis, and a great-grandmother Drezl, also the wife of a rabbi, who was widowed young. Drezl was six weeks pregnant when her husband died. Since this might have led to ugly gossip, she announced her condition before the open grave, to forestall any dirty rumors that – God forbid! – might be spread about her. For added insurance, she named the daughter born to her, Bine, after her late husband, Binyomin.

As a respected rabbi's widow, my great-grandmother was given an important community appointment, attendant at the mikve, the women's ritual bath. I have clear memories of the meticulous way she would go about fulfilling her duties. My mother must have regarded my prepubescent masculinity as of no moment when she took me along to the mikve and sat me down on a wet bench, while the women, young and old, splashed in the water, performing their ritual ablutions under my great-grandmother's stern and competent supervision. During a break from her duties, she would press a coin into my hand, with the wish that my little heart be as open to Torah as was God's Holy Temple.

When she died at the age of one hundred, her son, my grandfather, poor soul, was left an orphan at seventy. Grandfather Avrom was a widower, who, for as long as I can remember, lived with us. He was as much a fixture of the household as my father, mother, and brothers. He had a beautiful white beard that had become slightly stained from all the snuff he had pushed up his nose, and he owned a number of snuff boxes, all of them plain, proletarian ones, made of wood or bone, not silver, let alone gold. It took Grandfather longer than a prima donna to perform his toilette. Before going out, he would polish his boots, comb out his beard, and look himself over in the mirror. When he was already standing in the doorway, he would call me over for a final inspection, to make sure that no bit of feather still clung to him. Every Friday afternoon he went to the bathhouse, returning home with time to spare for a nap, before going to welcome in the Sabbath at his Hasidic rabbi's synagogue. It was our custom never to touch the braided Sabbath loaf, the hallah, until Grandfather had come home to recite the kiddush blessing over the wine.

Grandfather was a goldsmith. He had all sorts of strange tools, the strangest, a bellows used in the melting of gold, that left a coating of soot over the whole house. He made his services available, gratis, to all in the family, repairing and cleaning their rings, earrings, and brooches – the only exception being Mother, who had to hound him for weeks before he would attend to her jewelry. Sometimes, he would set out with his tools to nearby villages, returning with a deficit that took several glasses of brandy and a hearty meal to overcome. After such indulgence, his cheeks turned red as beets, his blue, carefree eyes started to blink, and soon he would be stretched out on his bed, snoring rhythmically into his lower lip, his beard rising and falling on his chest. The children of the house were ordered to walk on tiptoe, because, as Mother loudly declared, as much to provoke him as to command our attention, "Grandfather, the great breadwinner, has returned from afar and is taking a nap."

The ship was barely rocking. The slipper-clad Jew had dozed off. The air grew sharper, and a wondrously cool fragrance was rising from the sea, of salt water long warmed by the sun. ♦

## Loyal Sins

My loyal sins,
I never really sinned you.
I never even did you
as one does good deeds.
I babbled you through like a duty,
you never pervaded me,
teased me to the bone,
like mitzvas that flutter
their meaning in the memory
like a good, apt Bible verse.

Blessed be your dear eyes
which mitzva'd me
pieces of raw life, leaves of grass
on which my head now rests
and dreams sharp dreams.

You were fated to me.
You were blessed to me.

—Translated by Catherine Madsen

## געטרײַע זינד

מײַנע געטרײַע זינד,
איך האָב אײַך קײנמאָל נישט אמת געזינדיקט.
און אײַך קײנמאָל נישט געטאָן,
ווי מען טוט מעשים.
איר האָב אײך תמיד אָפּגעפּרעפּלט ווי אַ חוב,
איך האָב מיך קײנמאָל נישט דורכגעדרונגען,
דורכגעדײצט ביזן בײן,
ווי מיצוות וואָס זײער זין
פּלאַטערט אין געדעכעניש
ווי א גוטער, וואַניקער פּסוק.

געבענטשט זאָגט זײן די ליבע אויגן,
וואָס האָבן מיר פֿאַרמיצוועהט
שטיקער רוי לעבן. שטיקער גראָז,
וואָס אויף זײ רוט איצטער מײַן קאָפּ
און חלומט שאַרפֿע חלומות.

באַשערט ביסטו מיר געווען.
געבענטשט ביסטו מיר געווען.

—by Jacob Glatstein
*Fun mayn gantser mi*
*(Of All My Labour:*
*Collected Poems 1919–1956).*
New York, 1956.



Illustration by Khayim Zeltser.